STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04260

DI IDEN IN POYLISHEN OYFSHTAND

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-04260-9

9780657042608T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

יאָטעק.

די אידען

אין פּוילישען אויפשטאַנד

פון יאהר 1831.

ווארשא — תרעד.

ДИ ИДЕНЪ ИНЪ ПОЙЛИШЕНЪ ОФШТАНДЪ
Тип. „Энергія“, Варшава. Холодная 8.

די אידען אין פּוילישען אויפשטאַנד
פון יאָהר 1831.*)

א.

אין די צוואַנציגער יאָהרען פונ'ם פערגאַנגענעם יאָהרהונדערט האָבען זיך אָנגעהויבען ביסלעכווייז צוענדערען די לעבענס־פאָרמען אין דער וואַרשאַווער אידישער געטאָ.

דאָס איז פאָרגעקומען אַ דאַנק די נייע אידעען, די נייע אַנשויאונגען, וואָס האָבען דאַמאָלס אָנגעהויבען אַריינדרינגען אין דער אידישער וועלט. די השכלה־בעוועגונג אינ'ם שכנה'שען דייטשלאַנד, וועלכע האָט זיך נאָך אָנגעהויבען דאָרט אין דער צייט פון דעם בעריהמטען אידישען פילאָזאָף משה מענדעלסאָהן — אָט יענע השכלה־בעוועגונג, וועלכע האָט אַ וויכטיגע קולטורעלע טעטיגקייט אַרויסגערופען צווישען די אידישע מאַסען אין דייטשלאַנד, האָט אַ גרויסע ווירקונג געהאַט אויך אויף דעם פוילישען אידענטום.

אין יאָהר 1818 זענען אויפגעעפענט געוואָרען אַ דאַנק דער ענערגישער טעטיגקייט פונ'ם כלל־טהוער טוגענדהאָלד, איינִיגע אַלגעמיינע בילדונגס־אַנשטאַלטען פאַר אידען. אין יאָהר 1826 האָט מען אויפגעעפענט אין וואַרשאַ די ראַבינער־שולע מיט אַ קורס אַלגעמיינע למודים פון אַ מיטעל־שולע, און דאָס האָט זעהר פיעל אונצופריעדענקייט אַרויסגערופען ביי דער אָרטאָדאָקסיע, וואָס האָט פערבאָטען דער יונגענד אָנצוקומען אין דער שולע. עס האָבען זיך שוין דאַמאָלס אויך אין די פוילישע שולען אידישע שילער געפונען, חאָטש, אמת, די צאָהל פון די דאָזיגע שילער איז געווען זעהר ניִשטיג, ווי עס איז נאָך, בכלל, זעהר ניִשטיג געווען

*) נאָך „יעווריעקאַיאַ סטאַרינאַ“.

דאמאלס די צאהל פון די אידען, וואס זאלען שטעהען נאהענט צו דער פוילישער געזעלשאפט.

נאר אין צענטר פון לאנד—אין ווארשא—האט שוין אין די צוואנ־ציגער יאהרען עקזיסטירט א בערייטענדע גרופע פון אייראפעאיש געביל־דעטע מענשען. אט די דאזיגע גרופע האט דאנקבאר אויסגעשטרעקט די האנד יענע פארשטעהער פון דער פוילישער געזעלשאפט, וועלכע האבען געפאדערט גלייכבערעכטיגונג פאר אידען. פון אט יענע פארשטעהער האט זיך פלוצלינג דערהערט א דרייסטע פאדערונג פון עמאנסיפאציע, וועלכע האט שוין מעהר נישט געשטאמט פון א נעבעלהאפטען הומאני־שען געפיהל, נאר פון די קלארע, דייטליכע רעוואלוציאנער־דעמאקרא־טישע פרינציפען.

דאס איבערקוקען די אידען־פראגע איז וואס וויטער אלץ נויט־ווענדיגער געווארען. דאס האט זיך אפען ארויסגעוויזען אין סיים אין יאהר 1825, ווען די פאלאטע פון די דעפוטאטען האט ערקלערט אין א פעטיציע די נויטווענדיגקייט צו פערבעסערען דאס אידישעס לעבען. דאן איז געגרינדעט געווארען צו דעם צוועק דורך דעם אוקאז פון אלעקסאנדר, דער ערשטער א בעזונדער קאמיטעט ביים בילדונגס־מיניס־טעריום; דעם דאזיגען קאמיטעט האט געהאלפען אין זיין ארבייט די בעראטונגס־קאמיסיעס, אין וועלכער עס זענען אויך אריינגעגאנגען פאר־שטעהער פון דער אידישער געזעלשאפט. די בעראטונגס־קאמיסיע האט אינטערעסאנטען מאטעריאל צוזאמענגעקליבען, וועלכער חאראקטע־ריזירט אם קלארסטען די צוויי־פנים׳דיגע פאליטיק פון דער רעגירונג.

בעזונדערס האט פעראינטערעסירט דער קאמיסיע די פראגע, ווי אזוי מען זאל צוציהען די אידען צו ערד־ארבייט. פון דעם אוקאז, אז מ׳זאל צולאזען אידען צו ערד־ארבייט, וועלכען דער נאמיעסטניק האט ארויסגעגעבען אין יאהר 1822, איז גאר קנאפע ישועות פאר אידען ארויסגעקומען; דורך דער גאנצער רייהע פון פעראָרדנונגען, וואס עס זענען נאך דעם אוקאז ארויסגעגעבען געווארען, איז פאראליזירט געווא־רען די גאנצע ווירקונג פונ׳ם אוקאז. די קאמיסיע און דער קאמיטעט האבען זיך בעשעפטיגט מיט דעם דורכקוקען פון די סבות, וועלכע שטערען די אידען, זיי זאלען נישט קענען פערברייטערען זייער טעטיג־קייט. דער שטורם אבער, וואס האט פלוצלינג אויסגעבראכען אין יאהר

1830 האט א תל געמאכט פון יעדער ארגאנישער געזעצגעבערישער ארבייט. דער דאזיגער שטורם האט אויסגעבראכען מיט א געוואלדיגער קראפט, וועלכע האט אויך דאס פוילישע אידענטום פערחאפט.

ב.

כדי מיר זאלען אבער קענען אבשאצען גענוי אט יענעם אנטייל, וואס די אידען האבען גענומען אין דער פוילישער רעוואלוציע פון די יאהרען 1830--31, כדי מיר זאלען אויך קענען וויסען גענוי, ווי עס האבען געקוקט די אנפיהרענדע ספערען פון דעם אויפשטאנד דערויף, וואס די אידען האבען אין איהם א אנטייל גענומען — מוזען מיר פריהער זיך אבשטעלען אביסעל, צובעטראכטען דעם כאראקטער, וואס דער אויפשטאנד האט אויף זיך געטראגען, ווי אויך די געזעלשאפטליכע עלעמענטען, פון וועלכע די אנפיהרער פונ'ם אויפשטאנד זענען בעשטאנען.

צו אלעם ערשטען ווארפט זיך אונז אין די אויגען איין מערקווירדיגער שטריך, וועלכער האט זיין שטעמפעל אויף אלע האנדלונגען פונ'ם אויפשטאנד ארויפגעלעגט. דער דאזיגער שטריך בעשטעהט אין דעם, וואס די גרעסטע ראליע האט אין איהם געשפיעלט דער אדעלשטאנד, אלס אנפיהרענדער קלאס, ביי וועלכען עס זענען די נאציאנאלע געפיהלען בעלייידיגט געווארען דורך דעם דרוק פון דער פרעמדער מאכט. אינ'ם דאזיגען אויפשטאנד האבען זיך קיינע שפורען אפילו נישט בעמערקט פון וועלכער עס איז שטרעבונג צו סאציאלע רעפארמען. דאס האט צו קלאגעדיגע רעזולטאטען געבראכט. די בריימעסטע שיכטען פונ'ם פאלק, וועלכע וואלטען בעדארפט געוועזען שטעהן אין דער שפיץ פונ'ם אויפשטאנד אינ'ם ערד-ארבייטענדען פוילען, זענען מערקווירדיג קאלטבלוטיג געבליבען צו דעם גאנצען אויפשטאנד. זיי האבען אין איהם, כמעט, קיין שום אנטייל נישט גענומען.

מיט דעם שפיעלען פון דער הויפט-ראליע אין דעם אויפשטאנד פון

דעם אדעל-שטאנד און מיט דער פֿאָלקאָמער גלײַכגילטיקײט צו איהם פֿונ'ם פּױלישען פּױערנטום — אָט מיט דעם צײַכענט זיך אױס דער פּױלישער אױפֿשטאנד אין יאָהר 1831. אַ צװישען-אָרט צװישען די דאָזיגע 2 מעהר בעדײַטענדע שטאנדען האָט פֿערנומען די פֿערשידענפֿאַרביגע מאסע פֿון דעם שטעדטישען בירגערטהום, װי אױך דער מיטעלשטאנד, װעלכער האָט ערשט דאַמאָלסט אָנגעהױבען צו װאַקסען. די דאָזיגע מאסע האָט קײן בעדײַטענדען פּלאַץ נישט געקענט פֿערנעהמען אין דער רעװאָלוציע; די בורזשואַזיע האָט נאָך דאַמאָ"לס אַלס שטאנד, כמעט, װי נישט עקזיסטירט. דער קלײנער פּראָדוצירער איז גענצליך רואינירט געװען דורך די עקאָנאָמישע קריזיסען, װי אױך דורך דער אױסלענדישער קאָנקורענץ; אַ הײמישער אַרבײטער-קלאַס האָט, כמעט, װי נאָר אינגאַנצען נאָך נישט עקזיסטירט דאַמאָלס, װאָרום אױף אַלע פֿאַבריקען, אױף אַלע זאַװאָדען, כמעט, זענען די אַלע אַרבײטער, װאָס האָבען דאָרטען געאַרבײט, אױסלענדער געװען; דעריבער האָט די דעמאָקראַטישע פּאַרטײ, דער פֿאָרשטעהער פֿון װעלכער עס איז געװען אין דער רעװאָלוציאָנערער רעגירונג לעלעװעל, נישט געהאַט קײן שום טיעפֿען אײַנפֿלוס אױף דער בעפֿעלקערונג. דערמיט ערקלערט זיך אױך איהר װאַקלענדע, אונזיכערע פּאָליטיק.

דאָס, װאָס די הױכע קלאַסען האָבען געשפּיעלט די הױפּט-ראָליע אין דעם אױפֿשטאנד, דאָס, װאָס די שטאָדט-דעמאָקראַטיע איז אַזױ שװאַך געװען אין איהם פֿערטרעטען און די דאָרפֿישע האָט נאָר אינגאַנצען געפֿעהלט אין איהם — דאָס אַלעס האָט שױן בעשטימט דעם חאַראַקטער און די לאָזונגען פֿון דער רעװאָלוציע. די רעװאָלוציע האָט געטראָגען אַ נאַציאָנאַל-פּאָליטישען חאַראַקטער. דאָס אַלעס װידער אינאײַנעם מיט די אָט יענע פּאָליטישע בעדינגונגען, װאָס האָבען עקזיסטירט אין פּױלען, האָבען שױן אױך בעשטימט די אױסערליכע פֿאָרם פֿון דער רעװאָלוציע. בײַ דער געװאַלדיגער פּאָליטישער מאַכט, װעלכע האָט געהערשט אין פּױלען, בײַ אָט דער דעספּאָטישער מאַכט, װעלכע האָט זיך געשטיצט אױף מיליטער, האָט די רעװאָלוציע געמוזט אָננעהמען, װי מיר זעהען עס בײַ די דעקאַבריסטען, אַ קאָנסערװאַטיװען חאַראַקטער, אַ חאַראַקטער פֿון אַ פֿערשװערונג; בײַ'ם ערשטען צוזאַמענשטױס, גיעסט זיך אױס די דאָזיגע פֿערשװערונג אין אַ אױפֿשטאנד און אין אַ מלחמה, די

פוילישע רעוואלוציע אין איהר ערשטער סטאדיע איז, ווירקליך, א פערשווערונג; אין דער צווייטער — א מלחמה. און נאר אין הארץ פון לאנד, אין ווארשא, זעהען מיר שוין גאר א אנדערע ערשיינונג, זעהען מיר שוין סימנים פון א מאסען-בעוועגונג, פון א פאלקס-בעוועגונג.

ג.

שטעלענדיג איינס אנטקעגען דעם אנדערען אט יענע ידיעות, וואס מיר האבען וועגען דעם מצב, אין וועלכען די אידען האבען זיך אין יענע צייטען געפונען, מיט די רעזולטאטען, צו וועלכע מיר קומען נאך דעם דאזיגען קליינעם אנאליז, וואס מיר האבען דא אט ערשט געמאכט — קומען מיר צו דער איבערציינונג, אז אין דעם מאמענט, ווען די רעוואלוציע האט זיך נאך געפונען אין מצב פון ווערדען, אין דעם מאמענט, ווען זי האט נאך נישט געהאט אויסגעבראכען, נאר עס זענען נאך געהאט געמאכט געווארען די הכנות צו איהר, האבען די אידען קיין שום אנטייל נישט געקענט נעהמען, אי צוליעב דעם, וואס עס איז נאך דאמאלס זעהר שוואך ענטוויקעלט געוועזען ביי אידען דער זין פאר פאליטישע ענינים, אי צוליעב דעם קאנספיראטיווען כאראקטער פון דער דאזיגער פארבערייטענדער ארבייט. דערויף מען זאל קענען נעהמען א אנטייל אין קאנספיראציע, איז אונבעדינגט נויטיג, מען זאל זיין א ארגאנישער טייל פון דער געזעלשאפט. א דאנק אבער פיעלע היסטארישע בעדינגונגען זענען די אידען געוועזען אבגעזונדערט פון דער פוילישער געזעלשאפט און האבען זיך געהאלטען וויים פון איהר. נאר אין דער צווייטער סטאדיע פון דער רעוואלוציע, ווען זי האט שוין אין א אפענעם קאמפף אויסגעבראכען, דאן, ווען די בעוועגונג איז שוין אויף דער גאס ארויסגעטראגען געווארען, ערשט דאן איז אויך א טייל פון דער אידישער בעפעלקערונג פערחאפט געווארען פון דעם שטראם פון די שטורמישע געשעהענישען.

זייענדיג בעוועגט דערצו דורך דעם סטיחישען אינסטינקט, דורך

דער „סטיחישער שטרעבונג צו בעפרייען זיך", האבען בעזונדערע גרופען פון אידען געווארפען זיך אין די רייהען פון די רעוואלוציאנערען, דארט, וואו דער אויפשטאנד האט אנגענומען א מאסען־כאראקטער, ווי דאס איז געוועזען אין ווארשא. מיר וועלען באלד דורכזעהען א גאנצע רייהע פון פערזונען, וואס די אידען האבען געמאכט, ארייננצוטראגען זייער חלק כחות אין דער בעפרייאונג פון פוילען, פערזונען, וועלכע זענען העלדיש און ריהרענד אפילו דארטען, וואו זיי זענען בפירוש אונמעגליך געוועזען.

ד.

אין יאהר 1830 האט דער רעש פון דער פאריזער רעוואלוציע, וואס איז פארגעקומען אין יולי, מיט אמאל איבערגעריסען די פרעסענדע שטילקייט, וואס האט געהערשט אין גאנץ אייראפא. ווי שטענדיג, האט אויך יעצט פאריז דעם ערשטען סיגנאל געגעבען, און אין די פערשידענסטע ווינקעלעך פון אייראפא האט זיך זיין אבקלאנג דערהערט. די פראנצויזישע רעוואלוציע האט, ווי עס זעהט אויס, דעם לעצטען שטויס דער פוילישער קאנספיראציע געגעבען. די פערשווערונג פון א קליינער גרופע אפיצערען האט זיך אויסגעגאסען אונערווארטעט, כמעט, אין א אפענעם אויפשטאנד. אין דער נאכט אויף דעם 29־טען נאוועמבער פון יאהר 1830 האט א שטארק העליש פייער פון שרפות אויף סאלנא און נאוואליפיע בעלויכטען דאס גאנצע איבערגעשראקענע ווארשא, די גאסען פון וועלכער עס זענען פלוצלינג איבערפולט געווארען מיט מארשירענדע סאלדאטען און יוגענד, וועלכע האבען זיך געאיילט צום ארסענאל זיי זאלען דאס געוועהר פערכאפען; די געשעהענישען זענען געלאפען מיט קאפשווינדלענדער שנעלקייט. דער טאג פונ׳ם דרייסיגסטען נאוועמבער האט פלוצלינג געבראכט פאר ווארשא א נייע אונערווארטעטע זאך: דער נאמיעסטניק קאנסטאנטין פאוולאוויטש, וועלכער האט זיך זעהר פערלארען צוליעב די אונער-

וואַרטעטע געשעהעניִשען, איז אָבגעטרעטען מיט דעם מיליטער אויסער דער שטאָדט, און האָט פון דאָרטען געפיהרט פריערליכע אונטערהאַנדלונגען מיט די פאָרשטעהער פון דער אַדמיניסטראַטיווער בעראַטונג. צום ערשטען מאָל האָט וואַרשאַ דערפיהלט זיך, נאָך אַ גאַנצער רייהע פון צעהנדליגער יאָהרען, פריי פון דער פרעמדער מאַכט, עס האָבען אויפגעלעבט די זכרונות פון יאָהר 1794.

די מענשען אָבער, וואָס זענען דורך די חוואַליעס פון דער רעוואָלוציע אַרויפגעוואָרפען געוואָרען פון אויבען, האָבען נישט בעוויזען נאָכצוגעהען טריט ביי טריט דעם נאַטירליכען וואוקס פון די געשעהענישען. צווישען זיי זענען געווען זעהר פיעל ערפאַהרענע און העלדענמוטיגע מיליטער-לייט, וועלכע האָבען דורכגעמאַכט די נאַפּאָלעאָן-שולע; זיי האָבען אָבער וועניג פערשטאַנען אין פראַגען פון אינערליכער פּאָליטיק. די איינגעגעסענע פאָראורטהיילען, וועלכע האָבען זיך אין זייער בלוט און פלייש איינגעזאַפּט, האָבען אויך דורך דעם שטורם פון דער רעוואָלוציע נישט געקענט אונטערגעבראָכען ווערען. דאָס האָט זיך אויך אַרויסגעוויזען אין דער בעציהונג פון די אָנפיהרער פונ'ם אויפשטאַנד בנוגע צו אידען.

אין דער צייט אָבער, וואָס די אָנפיהרענדע ספערען פונ'ם אויפשטאַנד האָבען זיך געוואַקעלט צווישען דער פּאָליטיק פון פיהרען אונטערהאַנדלונגען מיט דער רוסישער רעגירונג און צווישען דער פּאָליטיק, אַז די פאָלקס-מאַסען זאָלען אָפען אַרויסטרעטען אין קאַמפּף, האָבען אַט יענע עלעמענטען, וועלכע האָבען אונמיטעלבאַר דעם אויפשטאַנד אָנגעהויבען — די מיליטער-יוגענד און אַ טייל פון דער שטאָדט-בעפעלקערונג — אָרגאַניזירט פאָלקס-קלובען און איינגעאָרדענט גרויסע פאָלקס-דעמאָנסטראַציעס. דער אויפשטאַנד אין וואַרשאַ האָט אָנגענומען צוליעב דעם אַ מאַסען-כאַראַקטער און האָט צוגעצויגען צו זיך פערשיעדענע שיכטען פון דער געזעלשאַפט. אַ מעכטיגער ענטוזיאַזם האָט אַרומגענומען די וואַרשעווער בעפעלקערונג; פריהער פאַר אַלע האָט זיך געוואָרפען אין די רייהען פונ'ם אויפשטאַנד די אַקאַדעמישע יוגענד; צווישען דער דאָזיגער יוגענד געפינען מיר שוין אויך די שטודירענדע אידישע יוגענד, אַמעהרסטען די שילער פון דער ראַבינער-שולע, וועלכע איז ערשט נישט לאַנג געגרינדעט געוואָרען אין וואַרשאַ. עלף אידישע יונגע-לייט

זענען אריין אפילו אין דער אקאדעמישער עהרע-גוואַרדיע. עס האט ווידער אויפגעלעבט די שטרעבונג, לויט דעם ביישפיעל פון יאהר 1794, צו פארמירען א בעזונדער אידישען פאלק פון רעוואלוציאנערען. דעם צעהנטען דעצעמבער האט סיני גערניש, וועלכער איז שטארק פאפולער געוועזען שפעטער מיט א שטיקעל צייט, אין דעם פעריאד פון דער עמי-גראציע, אלס קעמפפער פאר דער אידישער גלייכבערעכטיגונג, געווענ-דעט זיך אינ׳ם נאמען פון א גרופע אידישע יונגע לייט, וועלכע איז בע-שטאנען פון צוואנציג-דרייסיג מאן, מיט דער פאלגענדער ביטע צום דיקטאטאר חלאפיצקי:

„ערלויכטענער דיקטאטאר! געפינענדיג אין די יעצטיגע געשעהע-נישען א גינסטיגען מאמענט, מיר זאלען קענען אונזער מיטגעפיהל אויסדרוקען צום גרויסען פאלקס-אינטערעס, האב איך, אונטערגעשריבע-נער, בעשלאסען צוצוציהען מיינע גלויבענס-ברידער צו דער דאזיגער הייליגער זאך מיט דעם צוועק זיי צו ארגאניזירען אין א בעזונדער פאלק, וועלכער בעדארף איבערגעגעבען ווערען אין רשות פונ׳ם ערלויכטענעם דיקטאטאר. איך האב אנגעהויבען פון דער יוגענד, וועלכע געהער נאר צו די בעריהמטעסטע פאמיליען, כדי דאס זאל קענען דיענען אלס ביי-שפיעל פאר די נידעריגע פאלקס-שיכטען. מיר זענען איצט נישט מעהר, ווי 30—20 מאן. אונזער ביישפיעל וועט אבער צוציהען אויך פיעל אנדערע; איצט ווענדע איך זיך מיט א ביטע צום ער-לויכטענעם דיקטאטאר, ער זאל גנעדיג ערקלערען לאזען, צי ער שטויסט נישט אפ אונזער קרבן, און צי איך קען אויך אויף ווייטער זאמלען חתימות. מיט דער טיעפסטער אכטונג בלייב איך אלס הכנעה-דיגער קנעכט פונ׳ם ערלויכטענעם דיקטאטאר. ווארשא, דעם צעהנטען דעצעמבער 1830, סיני גערניש, וואס וואהנט אויף פראנציסקאנער גאס נומער 1790.

ה.

די אידישע יונגע לייט, וועלכע האבען זיך מיט אזא התלהבות

געוואַלט וואַרפֿען אין די רײַהען פֿון דער רעוואָלוציע, איז אָבער אויסגעקומען אין דער ערשטער צײַט צו לײַדען פֿון פֿיעל שטערונגען.

דער פֿאָרשטעהער פֿון דער אַדעל־פּאַרטײַ, דער אַלמעכטיגער דיקטאַטאָר חלאָפּיצקי, האָט אין אַ פּריקאַז, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבען דעם עלפֿטען דעצעמבער, ערקלערט, אַז אידען, אַלס אַזעלכע וואָס האָבען נישט קיין בירגערליכע רעכט, קענען נישט פֿערזענליך אַ אַנטײל נעהמען אין דער בעשיצונג פֿון וואַרשאַ. אויף דעם אָרט פֿון מיליטער־דיענסט, בעדאַרפֿען זײ דעריבער אַרײַנטראָגען אַ ספּעציעלען אָבצאָהל.

דער קריעגס־מיניסטער מאָראַווסקי האָט אַרויסגעזאָגט וועגען דעם די פֿאָלגענדע, ווי עס דריקט זיך אויס האָלענדערסקי, וועלכער האָט מיט דעם ערשטען אין אײן צײַט געלעבט, „פֿיעלבעדײַטענדע“ פֿראַזע: „מיר וועלען נישט ערלויבען“, אַז דאָס אידישע בלוט זאָל זיך צונויפֿמישען מיט דעם פֿײַנעם בלוט פֿון די פּאָליאַקען, וואָס וועט אײראָפּאַ זאָגען, געוואָהרווערענדיג, אַז דעם ערקעמפֿען פֿון אונזער זעלבסט־שטענדיגקײַט האָבען מיר זיך נישט געקענט בעגעהן אָן אידישע הענד“?...

די אידען, האָבען נישט געקענט, נאַטירליך, זיך נישט פֿיהלען בעלײַדיגט פֿון אַזאַ גוטפֿרײַנדליכען און „פֿײַנעם“ ענטפֿער, וואָס מען האָט זײ געענטפֿערט אין דעם מאָמענט, ווען זײ זענען זיך געקומען בעטען, מען זאָל זײ ערלויבען זייער בלוט פֿערגיסען פֿאַר פּוילין, מיט וועלכען זײ האָבען זיך געפֿיהלט אָרגאַניש צונויפֿגעוואַקסען. דאָך האָט עס אָבער זײ אינגאַנצען נישט אָבגעשטויסען. זײ האָבען זיך נאָך אַלץ געריסען אין די רײַהען פֿונ׳ם אויפֿשטאַנד.

אויך נאָך דעם דאָזיגען גאַסט־פֿרײַנדליכען ענטפֿער, זענען זײ געווען גרײַט צו קעמפֿען מיט דעם גרעסטען ענטוזיאַזם פֿאַר דער בעפֿרײַאונג פֿון פּוילין. פֿיעל אַנגעשטרענגטע ענערגיע האָבען זײ אַוועקגעלעגט, ביז עס האָט זיך זײ, ענדליך, אײַנגעגעבען, מען זאָל עפֿענען פֿאַר זײ, חאָטש, אמת, נאָר אויף דערווײַל, די רײַהען פֿונ׳ם אויפֿשטאַנד.

אויך יוזעף בערקאָוויטש, דער זוהן פֿונ׳ם העלד פֿון יאָהר 1794, בערעק בערקאָוויטש, האָט זיך געפּרובט צוציהען די אידען צום אויפֿשטאַנד.

דעם אײן און צװאַנציגסטען דעצעמבער האָט ער אַ װאַרימע פּראָקלאַמאַציע אַרױסגעלאָזט צו די אידען אין פּױלען, אין װעלכער ער האָט זײ גערופֿען, זײ זאָלען נעהמען אַ אַנטײל אינ'ם אױפֿשטאַנד. אין דער דאָזיגער פּראָקלאַמאַציע רופֿט ער די אידען, זײ זאָלען זיך פֿעראײניגען מיט די פּאָליאַקען אינ'ם קאַמפּף פֿאַר דעם פֿאָטערלאַנד. באַלד נאָך דעם איז ער מיט זײן זוהן לעאָן אַרײנגעטרעטען אין די רײהען פֿונ'ם אױפֿשטאַנד. חלאָפּיצקי, די האַנדלונגען פֿון װעלכע זענען קײנמאָל ענטשלאָסען נישט געװען, װעלכער איז אַלץ מעהר און מעהר געשטױסען געװאָרען פֿון דעם שטראָם פֿון דער רעװאָלוציע, האָט געמוזט נאָכגעבען די פֿאָדערונגען פֿונ'ם גײסט, װאָס האָט אין יענעם מאָמענט געהערשט.

אַלס ענטפֿער אױף יוזעף בערקאָװיטש'עס ביטע, האָט די פֿאָלקס־פֿערטרעטונג בעפֿאָלמעכטיגט אַ מיליטער-קאָמיסיע צופֿיהרען מיט איהם אונטערהאַנדלונגען, לױט די אָנװײזונגען פֿונ'ם דיקטאַטאָר. לױט די דאָזיגע אָנװײזונגען, האָבען די אידען בעדאַרפֿט אָרגאַניזירען אַ קאַװאַלערען-פּאָלק און אױסהאַלטען איהם אױף זײער חשבון. אַלס אינסטרוקטאָרען האָבען דאָרטען בעדאַרפֿט זײן די אָפֿיצערען פֿון דער שטענדיגער אַרמעע. די דאָזיגע פֿרײװיליגע מיליטער-לײט האָבען בעקומען בירגערליכע רעכט, װעלכע האָט זיך אױך פֿערשפּרײט אױף זײערע קינדער און קינד'ס-קינדער.

ז.

די ערשטע טעג פֿונ'ם אױפֿשטאַנד האָבען שטאַרקע האָפֿנונגען אײנגעפֿלאַנצט אין די הערצער פֿון די װאַרשאַװער אידען. אַלע זענען װי פֿערשכּור'ט געװאָרען פֿון דער פֿרײהײט, װעלכע האָט מיט ערפֿרישענדע װינדטעלעך אַ בלאָז געטהון אױף אַלעם און אױף אַלץ. עס האָט װירקליך דאַמאַלס אױסגעזעהען, אַז אָט-אָט װערען פֿערניכטעט די אַלע בירגערליכע בעגרענצונגען — די אַלע רעשטען פֿון דעם אַלטען

פערהאסטען רעזשים. א גרופּע פון געבילדעטע אידען, צווישען וועלכע עס האט זיך אויך געפונען דער דירעקטאר פון דער ראבינער-שולע אייזענבוים, — די דאזיגע גרופּע, וועלכע האט א גרויסען איינפלוס געהאט אויף דער ווארשאווער אידישער בעפעלקערונג, האט זיך געווענדעט דעם צוואנציגסטען דעצעמבער מיט א פּעטיציע צו דער דערווייליגער רעגירונג, פאדערענדיג גלייכבערעכטיגונג פאר אידען. זי האט זיך געשטיצט אויף דער קאנסטיטוציע פונ'ם ווארשאווער פירשטענטהום און אויף די דעקרעטען פון פרידריך-אויגוסט. די פארשטעהער פון דער אינטעליגענץ האבען ערקלערט אין דער פּעטיציע, אז זיי וואלטען וועלען דינען דעם פאטערלאנד נישט נאר מיט געלד, נאר אויך מיט זייער לעבען.

ווי מיר האבען שוין פריהער געשריבען, איז אין זעקס טעג ארום געגעבען געווארען זיי די דאזיגע ערלויבניש. אין יענער צייט איז אויך געמאכט געווארען, ווי עס ווייזט אויס, אט יענע פערגרינגערונג אין דעם שטרענגען געזעצען-קאדעקס וועגען אידען. ביז דאמאלס האבען די אידען בעדארפט א בעזונדער אבצאהל אריינטראגען ביי'ן אריינפיהרען בהמות אין פערד. יעצט האט זיך איינגעגעבען דעם מיטגליעד פון דער דערווייליגער רעגירונג, לעלעוויל, צו פּועל'ן ער זאל אבשאפען דעם דאזיגען אבצאהל, וועלכער האט אזוי ערניעדעריגט די אידען.

פאר דער דאזיגער צייט איז אויך דער ווארשעווער אידישער קהל ארייננעצויגען געווארען אין די שטורמישע געשעהענישען. דער הויפּט-שטאב פון דער גווארדיע האט איבערגעגעבען די ביטע פון גערנישען און אלע אנדערע ביטעס פון דעם מין די „דאזארען", פרעגענדיג, צי דער אידישער קהל האט בעפאלמעכטיגט בערקאוויטש'ען, גערניש'ען אין הארוויצען, זיי זאלען זיך פערנעהמען מיט דער ארגאניזאציע פון בעזונדערע אידישע פאלקען.

צו בעטראכטען דאס אלעס איז צונויפגערופען געווארען דעם פינפטען יאנואר פון יאהר 1831 א עקסטרע זיצונג פון די דאזארעס, אויף וועלכער די אפיציעלע פארשטעהער פון דער אידישער בעפעלקערונג אין ווארשא האבען אונערווארטעט ארויסגעוויזען זעהר א ווארימען אינטערעס צום אויפשטאנד. ראשית כל האבען די אנוועזענדע ערקלערט, אז די דא-

זארעס האבען קײנעם קײן שום בעפאלמעכטיגונג נישט געגעבען, אויף צו ארגאניזירען בעזונדערע מיליטערישע ארגאניזאציעס. פון אײגענע איניציאטיװע האט דער אידישער קהל גענומען זיך, צו שאפען הילף פאר דעם אויפשטאנד, גרינדענדיג דעם זעקס און צװאנציגסטען דעצעמבער א קאמיטעט, צו קלײבען געלד פאר דעם אויפשטאנד און אויפשטיצען די יעניגע אידען, װאס װעלען ארײנטרעטען אין דער אלגעמײנער ארמעע. װעגען דעם ענין, װעגען װעלכען דער הויפט-שטאב האט זיך געװענדט, האבען די פערזאמעלטע ערקלערט פאלגענדעס: „די דאזארעס װײסען, װי גרויס עס איז אונזער װאונש און שטרעבונג קומען צו הילף דער הײליגער זאך פון אונזער פאטערלאנד. נאך אײדער ער האט זיך צו אונז געװענדעט, האבען מיר אײנגעארדענט א קאמיטעט, װאס רופט דער אידישער בעפעלקערונג, זי זאל ברענגען איהר הילף פאר דער הײליגער זאך, זײ זאלען ארײנטראגען געלד פאר דער מונדירונג פון די פרײװיליגער אידישע סאלדאטען, און שוין אין די ערשטע פינף טעג, װאס דער קאמיטעט עקזיסטירט, האט די ארטיגע אידישע געמײנדע געבראכט אויף דעם מזבח פונ׳ם פאטערלאנד 40,000 פוילישע גילדען. בײ א פלײסיגע טעטיגקײט װעט דער דאזיגער קאמיטעט צונויפזאמלען נאך פיעל גרויסע סומעס. די, װאס ערקלערען זיך אלס פרײװיליגע, צעטײלט מען שוין מונדירען און געלד-שטיצע. דער פראיעקט אבער װעגען ארגאניזירען א בעזונדער פאלק, װעלכען מיר האבען דורכגעקוקט, זעהט אונז אוים צו זײן נישט געװינשט און נישט אויספיהרבאר”.

די דאזארעס געפינען דעם דאזיגען פראיעקט פאר נישט געװינשט, ראשית: דערפאר, װאס טאמער װעט דער דאזיגער ספעציעלער אידישער פאלק נישט קײן געלונגענער זײן, װעט ער קענען װארפען א פלעק אויף דער גאנצער אידישער געמײנדע, װירקענדיג, אז עס זאל זיך נאך מעהר פערשטארקען אט יענע פאלשע מײנונג, װעלכע האט אזױנע שטארקע װארצלען געלאזט אין א גרויסען טײל פון דער פוילישער בעפעלקערונג, אז אידען קענען נישט דינען טרײ די אינטערעסען פונ׳ם פאטערלאנד. צװײטענס: דערפאר, װאס דאס ארגאניזירען פון אזא פאלק איז נישט צוגעפאסט צו די אויפגאבען פון בירגערליכער פעראײניגונג, װעלכע מ׳קען מעהר פאר אלעם דערגרײכען דורך אלגעמײן

דיענען אין מיליטער. נישט אויספיהרבאר שטעלט זיך זיי פאר דער פראיעקט דערפאר, וואס די געמיינדע איז שטארק רואינירט דורך די ספעציעלע אבצאהלונגען, וואס ליעגען אויף דער אידישער בעפעלקערונג, ווי א שווערע משא, און דעם האנדעלס-קריזיס. זיי קענען נישט דעריבער אויסהאלטען א בעזונדער פאלק.

צו די דאזיגע החלטות האבען די דאזארעס צוגעגעבען, אז זיי זענען גרייט אלע מיטלען אנצווענדען דערויף, אז דער הייליגער קאמפף וואס דאס פאטערלאנד קעמפפט פאר פרייהייט, זאל זיעגען.

צו דעם צוועק האבען זיי בעשלאסען די פאלגענדע זאכען צו טהון.

ראשית זאלען זיי ארויסלאזען א געדרוקטע פראקלאמאציע, וועלכע זאל רופען די אידען אריינצוטרעטען אין די רייהען פון די קעמפפענדע פאר דער פרייהייט פון לאנד. אחוץ דעם זאלען זיי בעשטימען 150 פוילישע גילדען אויף קויפען מונדירונג פאר יעדען פרייוויליגען.

צו לעצט האבען די דאזארעס מודיע געווען, אז זיי האבען בעשלאסען, צו סטארען זיך, מען זאל זיי ערלויבען צו פערגרעסערען זייער צאהל מיט נייע מיטגליעדער, וועלכע זאלען פערוואלטען מיט די סומען, וואס זענען בעשטימט אויף די מיליטער-בעדערפענישען.

אין דער דאזיגער רעאלוציע פון די דאזארעס האט זיך אבגעשפיגעלט די שטימונג פון דער אידישער געזעלשאפט. די נדבות האבען מאסענווייז אריינגעפליעסט אין דער קאסע פון דער דערוויילינגער רעגיערונג. אין די צייטונגען האבען זיך יערעס מאל בעוויזען אויפרופען, וועלכע זענען געשריבען געווען מיט א ביבלישען סטיל און האבען אין ריהרענדע אויסדרוקען גערופען צום קאמפף פאר דעם פאטערלאנד. זעהר אפט האט מען אין זיי ציטירט די ווערטער פון ירמיהו הנביא: „דרשו את שלום העיר אשר הגליתי אתכם שמה והתפללו בעדה אל ה׳, כי בשלומה יהיה לכם שלום" (ווינש פריעדען דער שטאדט, אין וועלכער איך האב אייך פערטריבען, בעט פאר איהר צו גאט, ווארום אין איהר פריעדען איז אויך אייער פריעדען).

דער וואונש צו פעראייניגען זיך מיט דעם פוילישען פאלק אין זיין קאמפף פאר זיין פרייהייט איז געווען אויף אזוי פיעל שטארק, אז דער פערזוך צו ארגאניזירען א בעזונדער אידישען פאלק האט קיין שום ער-

ערפאלג נישט געהאט. געגען דעם דאזיגען פראיעקט האבען זיך ארויסגעזאגט, ווי מיר האבען שוין פריהער געזעהען, אפילו די אפיציעלע פארשטעהער פון דער געמיינדע. צוליעב די דאזיגע מאטיווען, ווי אויך צוליעב דעם, וואס דער ארגאניזאטאר פונ'ם פאלק, יוזעף בערקאוויטש איז זעהר וועניג פאפולער געוועזען ביי דער אידישער בעפעלקערונג, איז פון זיין איניציאטיווע גאר נישט ארויסגעקומען, און ער אליין האט אויך געמוזט אריינטרעטען אין איינעם פון די אלגעמיינע אויפשטאנד'ס־לעגיאנען. די אידישע וואלאנטערען האבען זיך צעשפרייט איבער די רייהען פון דער פוילישער ארמעע אין יעדען פאלק, כמעט האט זיך א בעשטימטע צאהל פון אידישע סאלדאטען געפונען, פון וועלכע עס האבען זעהר פיעל ארדענעס בעקומען פאר פלייסיגקייט. בעזונדער האבען די אידען זעהר פיעל פערדיענסטען געהאט פאר דער רעוואלוציע, אלס מיטגליעדער פון דער נאציאנאל־גווארדיע און פון דעם וואך וואס איז געשטאנען ביי די גרעניצען פון שטאדט, צו זארגען פאר דער אונגעפעהרליכקייט פון ווארשא.

ז.

אין יאנואר פון יאהר 1831 איז בעשטימט געווארען אלס הויפטנאטשאלניק פון דער נאציאנאל־גווארדיע'אין ווארשא אנטאני אסטראווסקי, א מאן, וועלכער איז געוועזען דורכגעדרונגען מיט דעם גייסט פונ'ם פראנצויזישען דעמאקראטיזם און וועלכער איז געוועזען וויים פון די אלע שלאכטעשע פאראורטיילען.

ער האט קלאר געזעהען די גרויסע פעהלערען, וואס די אדעללייט מאכען אין זייער פאליטיק, און האט געשטרעבט דעריבער אויסצומיידען זיי. ער האט באלד פערשטאנען, אז א חוץ איהר אונמיטעלבארען צוועק—צו בעזיגען דעם אויסערליכען שונא—מוז נאך די רעוואלוציע שטעלען א גאנצע רייהע פון אינערליכע צוועקען. איינינגע פון די דאזיגע אינערליכע אויפגאבען איז געוועזען פאר אסטראווסקי'ן אויך

דאס, אז די אידען זאלען זיך מיט די פאליאקען פעראייניגען אלס גלייכע בירגער פון איין פאטערלאנד.

אין אט יענעם מאמענט, ווענען וועלכען מיר רעדען, האט ער בעזונדערס געזארגט דערפאר, מען זאל פערגרינגערען די אידען דאס אריינטרעטען אין דער נאציאנאלער גווארדיע. בעקומענדיג דערויף א אפיציעלע ערלויבניש, האט אסטראווסקי ערקלערט, אז אידען ווערען אנגענומען אין דער ארמעע.

זייענדיג זעהר צופריעדען דערפון, וואס די התחלה האט זיך איהם זעהר גוט איינגעגעבען, האט אסטראווסקי בעגריסט דעם פיער און צוואנציגסטען יאנואר די נייע מיטגליעדער פון דער גווארדיע מיט א פייערליכער רעדע.

„איך גראטולירע אייך און זיך—האט ער אין זיין רעדע געזאגט—דערמיט, וואס מיר האבען דערלעבט די דאזיגע מינוט, ווען נישט נאר אונזער פאלק אליין, וואס איז אזוי בעריהמט מיט זיינע העלדענטהאטען, נאר אויך אייער פאלק, וועלכעס איז אויך מיט א זעהר טיעפער עלטער געבענטשט—האט זיך געשטעלט יעצט, א דאנק די גליקליכע ענדערונגען, וועלכע זענען פארגעקומען אין אונזער לאנד, אויף דעם וועג פון שענע האפנונגען—אויף דעם וועג פון פרייהייט".

רעדענדיג ווייטער וועגען דעם, וואס די רעגיערונג האט בעשלאסען, „זייענדיג דורכגעדרונגען מיט דעם גרויסען גייסט פון אמת", צו ערלויבען די אידען אריינטרעטען אין דער גווארדיע, האט אסטראווסקי אויסגעשריען מיט בעגייסטערונג.

— שאצט נאר אב, מיינע הערדען, וואס פאר א גרויס און כבוד'דיג ארבייטס-פעלד עס עפענט זיך איצט אויף פאר אייך! איצט נעהמט זיך אייער האנד פאר וואפען, מיט וועלכען איהר וועט בעדארפען פערטיידיגען די איינענע רעכט און פרייהייט, וואס די איבעריגע איינוואהנער פון לאנד, שיצענדיג אייערע הייזער און פאמיליעס פון די אנפאלען פונ'ם שונא, קעמפפענדיג אין די אייגענע רייהען, וואס מיר' ווען עס וועט נויטיג זיין, פאר דער זעלבסטשטענדיגקייט און דער פרייהייט פון אונזער אלגעמיין לאנד.

די דאזיגע רעדע האט זיך מיט פאלגענדען שענעם און שטארקען אקארד געענדיגט:

— זאָל דער גאָט פון די מאַקאַבעער, דער אלהי צבאות, דער גאָט, וואָס איז זיך נוקם פאַר די מענשליכע בעליידיגונגען, אויפוועקען אייך פון אייער פערשטיינערטען צושטאַנד, וועלכער איז אַ רעזולטאַט פון דער טרויעריגער לאַגע, אין וועלכער דאָס פאָלק ישראל האָט זיך ביז איצט געפונען.

די רעדע פונ'ם נאַטשאַלניק פון דער גוואַרדיע האָט אַ שטאַרקען איינדרוק געמאַכט. אין אַ שטיקעל צייט אַרום האָט אַ דעפּוטאַציע, וועלכע איז בעשטאַנען פון אַ גרויסער צאָהל מענשען, דערלאַנגט אָסטראָווסקי'ן אַ אַדרעס אינ'ם נאָמען פון די גוואַרדעיצעס „פון משה'ס גלויבען".

די אידישע וואָלאַנטערען האָבען אָנגעוויזען אין זייער אַדרעס דערויף, איז אַ דאַנק דעם, וואָס עס האָט זיך דער ליבעראַליזם ענטוויקעלט אין פוילין, האָט מען, ענדליך, אָנגעהויבען זיך צוקוקען צו דער טרויעריגער לאַגע פון די אידען. „אַלע פּאַטריאָטען, — האָט זיך געשריבען אין אַדרעס, — וועלכע האָבען זיך נאָר בעפרייט פון די אורטיילען און פון איינגענליעבע, זאָגען זיך אַרויס לטובת פון פאָלק, וואָס האָט זיך נישט קוקענדיג אויף די פּרינציפּען, וואָס הערשען אין די קאָנסטיטוציאָנעלע לענדער, געפונען ביז איצט אין דעם מצב פון קנעכט. אין פייערליכע אויסדרוקען בעגריסען די מחברים פונ'ם אַדרעס דעם, וועלכער האָט זייענדיג אַליין אַ טרייער אָנהענגער פון די אידעען פון פּראָגרעס און הומאַניזם, וועלכע בעגייסטערען יעצט די בעסטע פאַרשטעהער פונ'ם פוילישען פאָלק אויסגעשטרעקט פאַר די אויגען פון דער גאַנצער וועלט זיין פאָטערליכע האַנד אָט יענעם פאָלק, וואָס איז ביז איצט געווען שרעקליך ערניעדעריגט". דאָס פיהרען זיך פון דער רעגיערונג גיעט זיי אַ מעגליכקייט צו האָפען, אַז עס וועט, ענדליך, פערבעסערט ווערען דער גורל פון דער גאַנצער אידישער בעפעלקערונג, וואָס אין קעניגרייך־פוילען.

צו ענדע זאָגען אַרויס די מחברים פונ'ם אַדרעס זייער גרייטקייט, צו ערפילען אַלע פּפליכטען, וואָס מען וועט אויף זיי אַרויפלעגען, פערזיכערענדיג, אַז אָסטראָווסקי'ס טהאַט האָט אַ סך אַ גרעסערע ווירקונג אויף די אידען געהאַט, אין זין פון מאַכען זיי פאַר געטרייע בירגער, ווי די שלעכטע האַנדלונגען פון די בעאַמטע, וואָס וואָלטען בע־

דארפט ווירקען אויף די אידען, זיי זאלען זיך פיהלען אבגעפרעמדט פון פוילען.

דאס דיענען אין דער נאציאנאלער גווארדיע איז געווארען, וואס ווייטער אלץ שווערער, היות עס זענען אלץ מעהר רוסישע פאלקען געשיקט געווארען קיין ווארשא. יעדען גווארדיעץ איז אויסגעקומען צוטראגען די דיענסט איינמאל אין פיער טעג, אמאל נאך אפטער. דאס איז געווען פאר פיעל שרעקליך רואינירענד. דאך זענען די אידען מאסענווייז אריינגעטרעטען אין די רייהען פון דער גווארדיע. א חוץ סוחרים און הויז-בעזיצער זענען אריינגעטרעטען אין די רייהען פון די גווארדעיצעס אויך מענשען פון די נידעריגע שיכטען, וואס צווישען דער ווארשאווער בעפעלקערונג. אסטראווסקי קאנסטאטירט, אז אין דער צייט, וואס איינינגע גווארדיעצעס פון דער בורזשואזיע האבען נישט בעהאלטען זייער שנאה צו זייערע אידישע חברים און האבען אויסגעדריקט אפען זייער מורא, טאמער וועט זיי דאס דיענען אין דער ארמעע געבען בירגערליכע רעכט, האבען זיך די מעהר דעמאקראטישע עלעמענטען זעהר פריינדליך בעצויגען צו די אידען, ווי צו אמת'ע חברים. דער רוב האט אין זעהר א קלארער פארם אויסגעדריקט זייערע בעציהונגען צו אידען, אויסקלייבענדיג העכער צעהן מאן פון די אידישע גווארדיעצעס פאר אפיצירען אין דער ארמעע.

איין סיבה אבער, וועלכע האט זעהר א קאמישען חאראקטער געהאט, איז נאך אלץ געבליבען, וועלכע האט געשטערט פיעל אידען אריינטרעטען אין דער גווארדיע. ביי זייער גאנצען פערלאנג אריינצוטרעטען אין די וואלאנטערישע רייהען, האבען דאך פיעל אידען בשום אופן נישט געוואלט עובר זיין אויף א לאו און לאזען זיך אבגאלען די באָרד. לויט די פעראָרדנונגען אבער פון מיליטער-דיענסט — האט מען נישט געקענט דיענען אין מיליטער, טראגענדיג א באָרד. דאס האט פערשאפט גרויסע שמערצען אסטראווסקי'ן, וועלכער האט שטארק געוואלט צו בעזיגען די אלע שטערונגען, וואס האבען נישט דערלאזט, אז די אידען זאלען זיך דערנעהנטערען צו די פאליאקען. זיינע ליבעראלע-הומאנישע אנשויאונגען האבען איהם נישט ערלויבט, ער זאל צווינגען די רעליגיעז-געשטימטע אידען, זיי זאלען האנדלען געגען זייער געוויסען; נאך ווייניגער איז ער געווען אומשטאנד צו פער-

צוימען דעם וועג צו מיליטער-דיענסט פאר די דאזיגע אידען, צו זעהענדיג, ווי זיי האבען זיך אזוי הייס געריסען צו איהר. ער האט דעריבער פארמירט פון די „בערדיגע״ א בעזונדער אטריאד „פון דער אידישער שטעדטישער גווארדיע״, די מיטגליעדער פון וועלכען האבען זיך אבגעשיידט פון זייערע איבעריגע ברידער, וואס האבען געדיענט אין דער נאציאנאלער גווארדיע, נאר מיט א בעזונדער מונדיר; די צאהל זייערע האט דערגרייכט ביז 850 מאן.

די נאציאנאלע גווארדיע, וועלכע איז געווען מעהרסטענטייל פון דער בורושואזיע האט גענומען אויף זיך די ארבייט פון איינהיטען די ארדנונג און די זיכערקייט אין שטאדט. די מעהר שווערע און די מעהר געפעהרליכע ארבייט האט גענומען אויף זיך די ארימע ווארשעווער מאסע. דער אידישער ארימער בעל-מלאכה האט געארבייט האנד ביי האנד מיט זיין קריסטליכען חבר. די אידישע מאסע האט פערלאזט איהר ארבייט און געלאפען אונטער'ען שטאדט, וואו זי האט אונטער די פליהענדע קוילען געארבייט דארטען איהרע שווערע, געפעהרליכע ארבייט. נאר אבער אזוינע מענשען, ווי אסטראווסקי האבען געקענט אבשאצען דאס העלדענמוטיגע אויפפיהרען זיך פון די אידישע מאסען.

א שרעקליך טרויעריג בילד — זאגט אסטראווסקי — האט מיט זיך פארגעשטעלט די אידישע ארימקייט, וועלכע האט געדיענט אין די רייהען פון דער וואך, וואס האבען בעדארפט זארגען פאר דער אוננעפעהרליכקייט פון דער שטאדט. ווען דו האסט א קוק געגעבען אויף דער דאזיגער גרופע מענשען, וועלכע זענען שרעקליך אייסגעדארט, האלב נאקעט, אויפגערעגט, גלייך, ווי זיי וואלטען עפעס שטענדיג פערפאלגט געווארען פון א בעהאלטענער בעזער קראפט — האט דאס דאזיגע בילד נישט געקענט נישט ארויסרופען א שארפען וועהטאג אין הארצען; דאס געוויסע האט גערופען, מען זאל זיך וואס גיכער נעהמען איינצוארדנען דעם דאזיגען טייל פון דער בעפעלקערונג, וועלכער איז אין אלע הינזיכטען מעהר געדריקט פון דער גאנצער איבעריגער בעפעלקערונג, וואס געפינט זיך אין לאנד.

די אנפיהרענדע ספערען פון דעם אויפשטאנד האבען אבער, ווי מיר וועלען זעהן ווייטער, נישט געוואוסט צו שעצען דעם

הײסען מיטגעפיהל, וואס די אידישע בעפעלקערונג אין ווארשא האט ארויסגעוויזען דעם אויפשטאנד.

ח.

אין דער פראווינץ האבען מיר שוין פאר זיך נאר א אנדער בילד געזעהען.

אין ווארשא האט עקזיסטירט א געוויסע צאהל אידען, וועלכע האבען זיך גרופירט ארום דער ראבינער-שולע. די דאזיגע צאהל איז, אמת, נישט זעהר קײן גרויסע געווען, זי האט אבער א גרויסע קולטורעלען אײנפלוס געהאט. די יוגענד, וועלכע האט מעהרסטענטײל געהערט צו די פערמעגליכע פאמיליעס זענען פערהאפט געווארען פון די נײע שטרעמונגען, וואס זענען פערטראגען געווארען פון די אידישע קרײזען אין דײטשלאנד און האבען געטרוימט וועגען דערנעהנטערען זיך צו די פאליאקען. אין דער פראווינץ אבער זענען פיעל שוואכער געווען די דאזיגע שטרעמונגען. דאס אבגעזונדערטקײט, וואס די אידען זענען געווען אבגעזונדערט פון דער גאנצער ארומיגער בעפעלקערונג, האט נאך געטראגען רײנע מיטעלאלטערישע פארמען. רעדענדיג וועגען דער דאזיגער עפאכע, האט יאן טשינסקי דערצעהלט פאלגענדעס: „די שטאדט לובלין איז צעטײלט אויף צוויי טײלען. די קריסטען זענען אפגעטײלט פון די אידען. די אידען וואהנען, ווי אין א אבגעזונדערטער געטא, אויסער די גרעניצען פון וועלכער זײ טארען נישט ארויסטרעטען בײנאכט. אומזיסט וואלט זיך ווער עס איז פון זײ געסטארעט, אפילו דער רײכסטער פון זײ, אײנצוארדנען זיך אין דעם הויפט-טײל פון דער שטאדט. מען וועט איהם נישט ערלויבען ארויסצוגעהן פון די גרעניצען, וועלכע זענען בעשטימט געווארען פאר זײנע גלויבענס-גענאסען". די אײגענע פערהעלטניסען האבען אויך אין אנדערע שטעדט און שטעדטליך פון קעניגרײך-פוילען געהערשט. עס איז שווער געווען דעריבער צוערווארטען, אז די אידישע בעפעלקערונג אויף דער פרא-

ווינץ זאָל מיטהעלפען דעם אויפשטאַנד. נאָך מעהר ווערט אונז קלאָר פאַר וואָס די אידישע בעפעלקערונג אויף דער פּראָווינץ האָט זיך נישט אַזוי וואַרעם אָנגערופען אויף דעם אויפשטאַנד, ווען מיר נעהמען אין אַכט, אַז דער דאָזיגער אויפשטאַנד האָט זיך אויסגעדרעהט צו זיי מיט דער זייט, וועלכע האָט גיכער געקענט אַרויפוואַרפען אויף זיי אַ אימה, ווי אַרויסרופען ביי זיי מיטגעפיהל.

איבער דעם קאָפּ פון דער אידישער בעפעלקערונג אין דער פּראָווינץ איז שטענדיג געהאַנגען די מוֹרא, מען זאָל זיי נישט חושד זיין אין שפּיאָנעריי. די קלענסטע סימנים פון גלייכגילטיגקייט צום אויפשטאַנד, וואָס די אידען האָבען אַרויסגעוויזען, האָט שוין געדרוֹהט פאַר אַ סכנה, עס זאָלען זיך שרעקליכע צרות אָנהייבען צושיטען אויף זייער קאָפּ. די אָנפיהרער פון די אָטריאַדען זענען אַלע, כּמעט, בעשטאַנען בלויז פון דעם אַדעל־שטאַנד. אַ טיפּישער פאָרשטעהער פון דער דאָזיגער סביבה איז געווען דער גענעראַל סקריזשיניעצקי, וועלכער האָט אַ געוויסע צייט פאַרנומען דעם פּאָסט פון אַ הויפּט־קאָמאַנדיר. ער איז געווען אַ רעאַקציאָנער און אַ פערברענטער קאַטאָליק. סאַמע אין דעם הייסען מאָמענט, ווען דער אויפשטאַנד אין ליטאַ האָט געקענט בעשטימען דעם גורל פון דער גאַנצער רעוואָלוציע, האָט ער נישט געוואָלט איבערגעבען דאָס אָנפיהרען מיט דעם ליטווישען מיליטער דעם ענערגישען און טאַלאַנטפאָלען גענעראַל לעווינסקי צוליעב דעם, וואָס ער האָט געשטאַמט פון אידען, און דערמיט האָט ער דעם גרעסטען קלאַפּ געגעבען דעם אויפשטאַנד.

שרעקליך־אַכזריות׳דיגע מעשׂים האָט מען אָבגעטהון מיט די אידען, וועלכע מען האָט חושד געווען אין שפּיאָנעריי. צווישען די אָנפיהרער מיט די אָטריאַדען זענען געווען איינינגע אמת׳ע אויסוואורפען; אָהן אַ שום געריכט און אָהן שום עדות האָבען זיי געהאַנגען די פריערליגע אידישע איינוואָהנער פון די שטעדט, און די אָפיצערען, וועלכע האָבען זיך פאַר זיי אָנגענומען האָבען זיי געדראָהט מיט בעשטראָפען. יעדער קלענסטער חשד האָט זיך מוֹרא׳דיג באַלד פונאַנדערגעוואַקסען אין דער דאָזיגער אָנגעגליהטער אַטמאָספערע.

איינמאָל — דערצעהלט אָסטראָווסקי — איז אונזער קאַוואַלעריע דורכגעגאַנגען דורך עפּעס אַ דערפעל. פּלוצלינג האָבען די סאָלדאַטען

בעמערקט אַ קאָפּ פון אידען, וואָס האָט אַרויסגעקוקט דורך אַ לאָך פון'ם בוידעם. — שטעה, אָט איז אַ שפּיאָן! פיהרט איהם אַראָב אונטען! מ'האָט איהם באַלד אויפגעהאָנגען. נאָכדעם האָט זיך אַרויסגעוויזען, אז דער דאָזיגער איד האָט זיך אויסבעהאַלטען, מורא האָבענדיג פאַר דעם שלעכטען בעהאַנדלען פון די סאָלדאַטען. ער האָט זיך בעהאַלטען און געקוקט פון דאַך, צי עס זענען שוין איבערגעגאַנגען די סאָלדאַטען. דער דאָזיגער אומגליקליכער, וועלכער איז פאָלקאָם אונשולדיג געווען, איז געווען אַ פאָטער פון זעקס קינדער. וועגען דער דאָזיגער אַכזריות האָט מען מודיע געווען דעם הויפּט-קאָמאַנדיר. דעם אָפיצער האָט מען אויסגעשלאָסען פון דיענסט און אַרייַנגעזעצט אין טורמע".

דאָך זעהען מיר, אז אויך אין דער פּראָווינץ איז די אידישע בעפעלקערונג צום אויפשטאַנד צוגעשטאַנען, דאַמאָלס, ווען די אָנפיהרער פון'ם אויפשטאַנד האָבען פערשטאַנען זייער אויפגאַבע, וואָס איז אויף זיי אַרויפגעלעגט געוואָרען, דאַמאָלס, ווען זיי האָבען אַ מענשליכע בעציהונג צו דער אידישער בעפעלקערונג אַרויסגעוויזען.

— ווי מיר האָבען נאָר בעקומען דעם פּריקאַז — שרייבט איינער פון די בעוואוסטע אָנפיהרער פון'ם אויפשטאַנד — וועגען נעהמען סאָלדאַטען אין לובלין, האָבען אָנגעהויבען זיך אַרומטראָגען איבער'ן שטאָדט שלעכטע קלאַנגען. מ'האָט דער אידישער בעפעלקערונג בעשולדיגט אין גלייכגילטיגקייט, זאָגאַר אין אַ פיינדליכער בעציהונג צום אויפשטאַנד. עס איז אָנגעקומען דער מאָמענט, וואָס די אידישע בעפעלקערונג האָט בעדאַרפט מיט איהר אויפפיהרונג בעגרינדען דעם אונצוטרוי, וואָס מ'האָט צו זיי, אָדער ווייזען אָפען פאַר דער גאַנצער פּוילישער בעפעלקערונג, אז די אלע בעשולדיגונגען האָבען קיין שום גרונד נישט. איך האָב בעשלאָסען, אז זייער בעשלוס זאָל טראָגען אַ וואָס מעהר פּייערליכען כאַראַקטער. אין אַ בעשטימטען טאָג און אין אַ בעשטימטער שעה האָב איך זיך געלאָזט געהן אין דער בעגלייטונג פון צוויי שטאַב-אָפיצערען אין שוהל, וועלכע האָט זיך געפונען אין סאַמע צענטר פון'ם אידישען קוואַרטאַל. די שוהל האָט נישט געקאָנט אַרייַנגעהמען אין זיך דאָס גאַנצע פּובליקום, וואָס האָט געוואָלט אַהין אַרייַנגעהן... אין עטליכע ווערטער האָב איך גערעדט וועגען די אלע עולות, פון וועלכע די אידען פאַלען אלס קרבן, און אין איינעם דערמיט האָב איך אויך

געגעבען אנצוהערען וועגען דער בעסערער צוקונפט, וואס ערווארטעט זיי. איך האב פערזיכערט, אז דאס בעפרייטע פוילישע לאנד וועט נישט דריקען די איינענע קינדער. צו ענדע האב איך געפאדערט פון דער אידישער יוגענד זיי זאלען זיך ריין וואשען פון די בעשולדיגונגען, מיט וועלכע מ'בעשולדיגט זיי, דערמיט וואס זיי זאלען פערגיסען זייער בלוט גלייך מיט דער פוילישער יוגענד, כדי צו ערקעמפפען פאר זייער פאלק אכטונג און פרייהייט. איך בין נישט אומשטאנד איבערצוגעבען אייך, אין וואס פאר א הייליגער שטילקייט די ראזיגע ווערטער זענען אויסגעהערט געווארען, מיט וואס פאר א ענטוזיאזם מיין פארשלאג איז אנגענומען געווארען. די יונגע לייט האבען פארגעשלאגען מיט זייער געזונד און לעבען צו דיענען דעם אלגעמיינעם פאטערלאנד. טרעהרען האבען זיך געוויזען ביי אלע אין די אויגען. איך האב זיך אומגעקעהרט אין שטוב אין דער בעגלייטונג פון א גרופע יונגע וואלאנטערען. געענדיג האט אונז די גאנצע בעפעלקערונג בעגריסט. דאס איז געווען דער שענסטער טאג אין מיין לעבען!".

ט.

טאמער איז נאך געווען וועניג טראגיש די לאגע פון די אידע דורך די אונמענשליכע בעציהונגען פון איינינע אנפיהרער פונ'ם אויפשטאנד, איז די בעשולדיגונג אין שפיאנעריי געפאלען אויף דער אידישער בעפעלקערונג נישט נאר פון דער זייט פון די פאליאקען אליין. די רוסען — אלענפאלס האבען זיי מעהר רעכט געהאט דערויף — האבען אויך געקוקט אויף די אידען, ווי אויף אזעלכע, וואס העלפען שטילערהייד דער רעוואלוציע. איינינע שטעדט פלעגען אפטמאל פון די רוסען פערהאפט ווערען און באלד צו די פאליאקען איבערגעהן. יערעס מאל — שרייבט האלענדערסקי — וואס א נייער אטריאד פלעגט אין שטאדט אריינקומען פלעגט זיך אנהויבען א געשלעג אויף אידען: די פאליאקען פלעגען לייכליך בעשטראפען אלע אידען, וואס זיי האבען חושד געווען,

אַז זײ האָבען מיט וואָס עס איז געהאָלפֿען די רוסען, און די רוסען פֿלעגען הרג'נען, שלאָגען די אידען מיט אַ קנוט, גלויבענדיג, אַז זײ העלפֿען דעם פּױלישען אױפֿשטאַנד".

עס איז גאַנץ פֿערשטענדליך דעריבער, וואָס די אידישע בעפֿעלקערונג אויף דער פּראָווינץ האָבען אײניגע מאָסען אַרויסגעוויזען גלײַכגילטיגקײט צום אױפֿשטאַנד. אַ בעפֿעלקערונג, פֿאַר וועלכער דער אױפֿשטאַנד ברענגט אַזעלכע טרויעריגע רעזולטאַטען, קען נישט, נאַטירליך, צושטעלען אַ בעדײַטענדע צאָהל פֿון וואָלאַנטערען אין דער אַלגעמײנער אַרמעע.

איבריגענס, אויך יענער קלײנער הויפֿען מענשען, וועלכער האָט זיך מיט לײַב און לעבען איבערגעגעבען די אינטערעסען פֿון דער רעוואָלוציע, האָט זיך אויך גאָר גיך זעהר ביטער ענטוישט, ווען דער סײם האָט דורך דעם אוקאַז פֿונ'ם דרײַסיגסטען מאַי אין יאָהר 1831 בעזײַטיגט די אידען פֿון מיליטער-דינסט.

אין דעם דאָזיגען סײם, וועלכער איז פֿאָרגעקומען אין סאַמע מיטען פֿון דער רעוואָלוציע, האָט די פּאַרטײ פֿונ'ם אַדעל-שטאַנד אַרויסגעוויזען בנוגע צו אידען די אײגענע רעאַקציאָנערע טענדענצען, וועלכע האָבען נישט געלאָזט דעם סײם, ער זאָל עטוואָס ווילכטיגעס אױפֿטהון פֿאַר דעם מיטעלשטאַנד און פֿאַר דעם פּױערענטום.

אין זומער פֿונ'ם יאָהר 1831 איז פֿאָרגעקומען דער אונטערגאַנג פֿון דער רעוואָלוציע. די אָנפֿיהרענדע פּאַרטײ האָט אַרויסגעוויזען אין גאַנצען איהר אונפֿעהיגקײט צושטעהן אַן דער שפּיץ פֿון די פֿאָלקסבעוועגונג. די דעמאָקראַטישע פּאַרטײ אָבער איז צו שוואַך געווען דאַמאָלס, צו וועניג אָרגאַניזירט איז זי געווען, זי זאָל קענען איבערנעהמען דאָס אָנפֿיהרען מיט דעם אױפֿשטאַנד אין איהרע אײגענע הענד. זײ האָבען נאָר געקענט קריטיקירען די רעגירונג. דאָס העכסטע, וואָס זײ האָבען געקענט טהון אין דער הינזיכט, איז געווען דאָס, וואָס זײ האָבען גרויסע דעמאָנסטראַציעס אײַנגעאָרדענט, דורך וועלכע זײ האָבען געוואָלט ווירקען אויף דער רעגירונג. די מפּלה פֿון דער רעוואָלוציע האָט געמוזט אונפֿערמײַדליך קומען.

ו׳.

ווען עס האבען זיך די שווארצע טעג פאר פוילין אנגעהויבען, האבען די אנטיילנעהמענדע אינ׳ם אויפשטאנד אנגעהויבען צו עמיגרירען קיין פראנקרייך. דער צענטר פון דער עמיגראציע איז געווען פאריז. עס איז באלד געגרינדעט געווארען דארטען דער „פאלקס־קאמיטעט", וועלכער האט פעראייניגט אלע דעמאקראטישע עלעמענטען פון דער רעוואלוציע. דער פארזיצענדער איז געווען דער בעוואוסטער לעלעוויל, וועגען וועלכען מיר האבען שוין אויבען גערעדט. מיט א טיעפען טרויער אין הארצען האבען זיך אזעלכע מענשען, ווי אסטראווסקי, מודה געווען, אז די רעוואלוציע האט זיך אויסשליעסליך בעשעפטיגט נאר מיט דעם קאמפף געגען דעם אויסערליכען שונא, פערגעסענדיג ינגמרי וועגען די סאציאלע רעפארמען, וואס עס איז נויטיג געווען איינצופיהרען. די דעמאקראטיע, וועלכע איז ביז איצט געווען זעהר קליין אין צאהל, האט ערווארבען איצט א גרויסע מאראלישע קראפט און האט זיך געשטעלט אן דער שפיץ פון דער נייער בעוועגונג. אין די עמיגראנטען־ספערען האבען זיך אנגעהויבען צוהערען אלץ מעהר דרייסטע רעדעס, וואס זענען ביז איצט נישט געהערט געווארען. די רעאקציע געגען די אלטע פארמען פונ׳ם רעוואלוציאניזם האט א אונגעוועהנליכען שארפען חאראקטער אנגענומען. אין אט דעם מאמענט פון חשבון־הנפש האט די רעוואלוציע פארבערייטעט איהרע אויפגאבען ביז צו פאנטאסטישע גרעניצען. זי האט שוין אנגעהויבען צוטרוימען נישט נאר וועגען דער פוילישער פרייהייט אליין, נאר אויך וועגען דער פרייהייט פון דער גאנצער מענשהייט, וועגען דער היסטארישער מיסיע פון דער פוילישער רעוואלוציע. די דאזיגע שטימונג, אין וועלכער עס האבען זיך געפונען דאמאלס די בעסטע קינדער פון פוילישען פאלק, האט געדיענט אלס קאנווא, אויף וועלכער עס האבען זיך געוועבט די שענע און מעכטיגע אוניווערסאלע חלומות פון מיצקעוויטש׳ען, די נביאות׳שע פאנטאסטיש־מיסטישע שטרעבונגען פון טאוויאנסקי׳ן. די דאזיגע טענדענץ האט אויך ארויפגעלעגט איהר שטעמפעל אויף דער בעציהונג פון די פוילישע רעוואלוציאנערען צו דער אידען־פראגע, וועלכע מ׳האט אנגעהויבען צובעטראכטען דאמאלס אלס

איינע פון די ברענענדסטע פראגען, וואס די צייט פאדערט, מ'זאל אויף איהר א ריכטיגען ענטפער געבען.

אויף די פערזאמלונגען, וואס די עמיגראנטען פלעגען איינארדנען, פלעגט מען היים ארומרעדען די פעהלערען, וואס דער אויפשטאנד האט געמאכט. אין איינעם פון די זיצונגען האט אויפגעהויבען זיין שטימע לטובת די אידען דער יונגער אפיצער בעניאווסקי, וועלכער איז געוועזען א מאן מיט א פאנטאסטישער פערגאנגענהייט. אין די עמיגראציאנע קרייזען האבען זיך ארומגעטראגען קלאנגען, אז ער שטאמט פון אידען, און זעהר א הייסע רעדע, אין וועלכער בעניאווסקי האט געשילדערט די שרעקליכע לאגע פון אידען, וועלכע איז דורך דער רעוואלוציע נישט פערבעסערט געווארען, האט ער ארויסגעזאגט זיין מיינונג, אז די עמיגראנטען בעדארפען אפען פאר דער גאנצער וועלט מאניפעסטירען זייער בעציהונג צו די אידען, אויסשטרעקענדיג זיי א ברידערליכע האנד, ווארום זיי זענען דאך נאך מעהר געדריקט, ווי די פאליאקען. לעלעוועל, איז געוועזען דער איינציגער אויף דער פערזאמלונג, וואס האט זיך ארויסגעזאגט געגען דעם דאזיגען פארשלאג. אויך ער אבער האט באלד געביטען זיין מיינונג. נאך מעהר, ער אליין האט זיך גענומען פאר דער ארבייט צוזאמענשטעלען א מאניפעסט צום „פאלק ישראל".

ווענדענדיג זיך צו די „בני ישראל", פערגלייכט דער מחבר פונ'ם מאניפעסט דעם גורל פונ'ם אידישען פאלק מיט דעם גורל פונ'ם פוילישען פאלק. זייענדיג אבגעריסען פון זייער פאטערלאנד, בעדארפען זיי פערשטעהן די ביטערע לאגע פון די פוילישע רעוואלוציאנערען, וועלכע זענען פון זייער לאנד פערטריבען געווארען: פוילין האט דאך געעפענט איהרע טויערען פאר דעם אונגליקליכען אידישען פאלק, וואס האט דארטען געפונען פאר זיך א היים. דער פעריאד פונ'ם פוילישען בליהען איז אויך געוועזען א פעריאד פון וואוילשטאנד פאר דעם אידישען פאלק. דאמאלס־ושע, ווען די שלנה'שע מלכים זענען אנגעפאלען אויף פוילין, האט זיך דאס אידישע בלוט מיט דעם פוילישען בלוט צוזאמענגעמישט אויף דעם שלאכט־פעלד. „דערמאהנט זיך" נאר אין דער בלוטיגער מלחמה אין פראג, ווען אייערע פרויען און קינדער, וועלכע מען האט דער'הרגע'ט אויף דער ברוסט פון זייער מוטער, אייערע שוואכע און

קראנקע זקנים האבען בעגעגענט דעם טוירט גלייך מיט אונזערע פרויען, קינדער און אלטע לייט״ ... דאן זענען מקוים געווארען אין דעם אומגליקליכען פוילין דעם נביא שמואל'ס ווערטער וועגען דעם, אז די מלכים זענען א שטראף פון גאט פאר די פעלקער. אזוי ווי די מלכים פון אשור, מצרים און בבל אין די א מאליגע צייטען, אזוי האבען אויך איצט דריי מעכטיגע אייראפעאישע מלכים פערקנעכטעט די פאליאקען און אינאיינעם מיט זיי אויך די אידען. אין דעם פרייסישען פוילען זייגען די רעגירונגס־בעאמטע דאס בלוט אויס פון די אידען; אין גאליציען האבען די „וויענער פרעה'ס", וועלכע האבען צוגעזאגט געבען די אידען גלייכבערעכטיגונג, נאך מעהר פערקנעכטעט זיי און ערלויבען זיך אויסצולאכען די אידישע רעליגיע.

נאך טרויעריגער איז די לאגע פון די אידען אונטער דער ממשלה פונ'ם נבוכדנצאר וואס אין צפון. „די נשמה ווערט פערציטערט, געבענדיג נאר א קלער וועגען די אלע רדיפות און צרות, וואס די אידען שטעהען דארטען אויס. אייערע קליינע קינדער גנבה'ט מען ביי אייך ארויס ביינאכט פון די בעטען און מען פיהרט זיי אוועק פון אייך און מען צווינגט זיי, זיי זאלען אויס אידען ווערען, זיי זאלען האסען זייער אייגענע רעליגיע, זייער אייגען פאלק״.

איצט איז פון פוילען א חורבה געווארען. די בעסטע מענשען איהרע זענען אומגעבראכט געווארען, זענען ארויסגעטריבען געווארען, אדער זיי שמאכטען אין די פינסטערע תפיסות. די רעגיערונג זאגט צו די אידען, אז זי וועט זיך בעגעהן מיט זיי מיט חסד. זאלען אבער די אידען איהר נישט גלויבען. זאלען זיי געדענקען, אז זייער גורל העננט אב פון די פעלקער, נישט פון די מלכים. אינ'ם גאנצען משך פונ'ם נייצעהנטען יאהר־הונדערט ציהט זיך א שווערע מלחמה צווישען די פעלקער מיט די מלכים. צי פאסט דער פאר די אידען, זיי זאלען שטיצען דעם דרוק, זיי זאלען העלפען זייערע שונאים און די לעסטערער פון זייער אמונה?

עס דערנאהענט זיך די ממשלה פון די פעלקער; אלע נאציעס וועלען זיך צונויפגיעסען אין איינער. וועלכע וועט אנערקענען דעם אידישען גאט. די מלכים האבען געגעבען די אידען פאלשע הבטחות; די פעלקער וועלען זיי געבען פרייהייט. פוילען וועט זיך באלד ווידער

אויפהויבען; זאלען-זשע די אידען, וואס וואהנען אין פוילען נעהן האנד ביי האנד מיט זייערע ברידער די פאליאקען. ווען עס וועט אנקומען דער טאג פון נצחון וועלען מיר די חשבונות אויסגלייכען. די אידען וועלען פאר זיך ערקעמפפען דאמאלס אלע רעכט. אויב-זשע אבער, זיי וועלען פאדערען, מען זאל זיי צוריק קיין פאלעסטינא ברענגען, וועלען די פאליאקען מיטהעלפען זיי, זיי זאלען קענען פערווירקליכען דעם דאזיגען וואונש,.. די שעה פון דער בעפרייאונג וועט גאר גיך קומען, מ'טאר קיין מינוט נישט פערליערען; טראכט נישט לאנג, קלערט נישט לאנג. פערייניגט זיך מיט אונז אין אייער ארבייט. דער, וואס האט מורא פאר דעם ווינט, זאל ער נישט געהען; דער וואס קוקט אויף די וואלקען, דער וועט נישט האבען ביים שניידען.

דער דאזיגער מאניפעסט איז ארויסגעלאזט געווארען דעם דריטען נאוועמבער פון יאהר 1832 און איז אונטערגעשריבען געווארען דורך דעם פארזיצענדען פונ'ם פאלקס-קאמיטעט לעלעוועל און דורך אלע זיינע מיטגליעדער. אויף די קרייזען, וועלכע זענען געשטאנען נאהענט צו דער פוילישער עמיגראציע, האט ער געמאכט א שטארקען איינדרוק, וועלכער האט זיך פערשפרייט אויך אויסער די גרעניצען פון פאריז.

און אין צוויי ריכטונגען האט זיך אויסגעגאסען די בעוועגונג פאר דער אידישער עמאנסיפאציע; פאר איינע איז די פראגע וועגען עמאנסיפאציע געווען פאליטיש פראבלעם, איינער פון די הויפטפרינציפען פון דער דעמאקראטישער אידעע; פאר די צווייטע — האט אנגענומען דאס בעפרייען פון די אידען א חאראקטער פון א אלוועלטליך פראבלעם און האט געטראגען אויף זיך א פערבונג פון מיסטיציזם.

דער פארשטעהער פון דער צווייטער ריכטונג איז געווען טאוויאנסקי. אויב קאנארסקי האט געזעהען זיין ברודער אין אידען, און טרעפענדיג איינמאל ביי זיינעם א חבר אין צימער, א אלטען אידישען רב, האט ער זיך אין זיינע ארעם געווארפען; דער רב איז ביי איהם געווען א סימבאל פון דער אלטער, פיעל ליידענדער נאציע, וועלכע טראגט הכנעה'דיג איהר ביטער גורל אויף די פלייצעס.

דער גרויסער פוילישער פאעט מיצקעוויטש, איז אויך בעגייסטערט געווען פון טאוויאנסקי'ס לעהרע. ער האט גאר וועגען קיין שום אנדערע

זאך נישט געטראכט, ווי נאר וועגען דער ברידערליכקייט פון די נעדריקטע נאציעס.

און זייענדיג בעגייסטערט פון דער דאזיגער אידעע, איז ער תשעה באב פון יאהר 1845 געגאנגען אין איינער פון די פאריזער שוהלען און געהאלטען דארטען א הייסע רעדע פאר די אידען, וואס האבען דארטען געדאווענט, רופענדיג זיי, זיי זאלען צושטעהן צו טאוויאנסקי'ס בעוועגונג. דערביי האט ער אויסגעשריען: „איך רעד אינ'ם נאמען פון די שוהלען, וואס ביי אונז אין לאנד“, איך רעד אינ'ם נאמען פון די שוהלען וואס אין מזרח און אויף דער גאנצער וועלט“. מיצקעוויטש'עס הייסע רעדעס האבען, נאטירליך, נישט געמאכט קיין איינדרוק אויף דעם פאריזער אידענטום, דורך דעם זענען אבער דאך נישט אבגעקיהלט געווארען די ווארימע בעציהונגען פון מיצקעוויטש'ען צו די אידען. אין מאניפעסט פונ'ם פוילישען לעגיאן, וואס מיצקעוויטש האט פארמירט, ווערט געזאגט אין צעהנטען פונקט: דעם עלטערען ברודער ישראל—כבוד, ברידערליכע געפיהלען, הילף אויף דעם וועג פון דערוויילינגען און אייביגען וואוילשטאנד, פאליטישע און בירגערליכער גלייכבערעכטיגונג.

ווען עס האט אויסגעבראכען די קרימער מלחמה, וועלכע האט פיעל האפנונגען מיט זיך פאר פיעל מענשען געבראכט, איז ביי מיצקעוויטש'ען אין מוח געבוירען געווארען א ראמאנטישע אידעע צופארמירען א בעזונדער אידישען לעגיאן, דער אנפיהרער פון וועלכען זאל זיין קארל רושיצקי. די דאזיגע פאנטאסטישע אידעע איז געבוירען געווארען ביים נביא פון דער פוילישער בעפרייאונג נישט מיט קיין פיעל צייט איידער ער איז געשטארבען.

גלייכצייטיג מיט דעם, וואס מיצקעוויטש האט זיינע אידעען געפרעדיגט, האט אויך אנטאני גארעצקי בעזונגען די ליידען פונ'ם אידישען פאלק אין ריהרענדע מעלאדיעס.

נאטירליך, האט אויך די אידען-פיינדליכע פרעסע נישט געשוויגען. בעזונדערס האבען געשאטען פעך און שוועבעל אויף אידען די צייטונגען „דזיענניק נאראדאווי“ און „נאווא פאלסקי“. דער רעדאקטאר פון דער לעצטער צייטונג, י. ב. אסטראווסקי, וועלכער האט געהאט זעהר א דונקעלע רעפוטאציע, האט געוואגט זאגאר צו ווארפען מיט

בלאַטע אין געזיכט פון דעם גרויסען פוילישען דיכטער מיצקעוויטש. ער האָט אויף איהם געשריבען, אז ער איז א שפיאָן ביי דער רוסי: גיערונג. רעדענדיג וועגען דעם, וואס מע האָט די אידען ג: אין קראקוי, האָט ער געשריבען, אז „דאס פאָלק, וואס ד דאָזיגע מעשים געטהון, האָט זעהר א הייליגע זאך דערמיט געפ

אויף דער דאָזיגער ערקלערונג האָט מיט זעלטענעם שי טאקט געענטפערט סט. גערניש אין דעם אָרגאַן פון די עמי

גערניש האָט געהערט צו די געבילדעטע קרייזען פון דע שער געזעלשאפט. ביז דעם לעצטען מאָמענט האָט ער זיך אין די רייהען פון די רעוואָלוציאָנערען און האָט איבערגעזי פאריז אינאיינעם מיט די רעוואָלוציאָנערען. דאָרט מיט פובליציסטיק בעשעפטיגט. די גיפטיגע אנטיסעמי פון „נאָווי פאָלסקי" האָבען שרעקליך אויפגעבראַכט דעם דאָ נישען, וועלכער האָט זיין גאנץ לעבען מקריב געווען פ רעוואָלוציע.

„איך, אלס איד, שרייבט ער, — וואס האָט אוועקגעוואָרפע פאמיליע, זיין פערמעגען, איך, וואס האָב רעכט זיך צורופען פ דערפאר וואס איך האָב אונטערגעשטעלט מיין ברוסט אונטער די פונ'ם פיינד, רעכען, אז עס ליעגט אויף מיר א חוב צו טירען געגען די פאַלשע בלבולים, וואס מען טראַכט אוים פאָלק".

ענטפערנדיג אויף דעם, וואס מען וואַרפט אויף די זיי זענען רייך און לעבען גליקליך, שילדערט גערניש בילד פון דער אידישער אָרימקייט, וואס איז א פראָדוקט לאָזער לאַגע און פון די אונערטרעגליכע נאַלאָגען, וואָ זיי, שרייט ער אוים, קען מען אָנרופען אמת'ע קנעכט, פערזיכערט נאָך, אז זיי לעבען גליקליך. „דאָס היסטאָרישע טום האָט זיך אויסגעדרעהט צום אידישען פאָלק מיט אָט וועלכע קען נאָר א אומה אויף זיי ארויפוואַרפען. „דערמאָ אז אין XV יאָהרהונדערט האָבען די רוימישע עפיסקאָ פיהרען פאַראוים א פראָצעסיע פון ביקעס און פון פערז אין דער צייט פון קאַרנאַוואל, ווען זיי האָבען געוואָ

פאלק. דערמאָהנט זיך אין דעם אַלעם און חרושט זיך נישט, וואָס
רבן קען נישט ליעב האָבען זיין מערטירער".
ווייטער דערצעהלט גערניש וועגען דער אויפפיהרונג פון דער
יער יוגענד אין דער צייט פונ'ם אויפשטאנד אין ווארשא אין די
ין 1830—81.
זיט פעסטער ענטשלאָסענקייט ערקלערט דער ערפאהרענער
ער: „איך און מיינע חברים, וועלען קיין מוט נישט פערליערען,
עם איינענעם פייער, מיט וועלכען מיר האָבען זיך פריהער גע
אין די רייהען פון די קעמפפענדע, וועלען מיר זיך אויך איצט
יר דעם וואפען ביי דעם ערשטען סיגנאל פון אונזער פאטער-
איז בעקאנט דער גייסט פון דער פוילישער יוגענד. זי
עב די פרייהייט. זי האָט ליעב אַלעס, וואָס איז גרויס,
וואָס איז אמת.
אינאיינעם מיט גערניש'ען האָבען אויך נאָך פיעל אנדערע נע-
מפפט פאר די רעכט פון זייער פאָלק. אינאיינעם מיט איהם האָבען
אויך אַנדערע אידישע עמיגראנטען אָבגעענטפערט אויף די בלבולים,
די אידישע שונאים האָבען אויף זייער פאָלק אויסגעטראכט.
און די דאָזיגע אידישע שטימען האָבען זיך פעראייניגט מיט די
ין פון די בעסטע עלעמענטען פון דער פוילישער אינטעליגענץ,
האָט ווירקליך און עהרליך געשטרעבט דאַמאָלס צו בעטראַכטען
פראגע.